NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00563

BARISHEVS BRIGADE

A. (Avram) Abchuk

The original of this title comes from the permanent collection of the YIVO Institute for Jewish Research, New York, NY

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

א. אבטשוק



קאָר׳שטווס בריגאַדע

אוקרמעלוכעבאַצמינדפאַרלאַג

ב/6042

א. אבטשוק

באַרישעווס בריגאַדע

צענטראַלע ...
אין פּרעסע אַרכיוו

PRINTED

מעלוכע־פאַרלאַג פאַר די נאַציאָ־
נאַלע מינדערהייטן אין אוסר״ר

כאַרקאָוו 1934 קיִעוו

פאראנטװאָרטלעכער רעדאקטאָר — אי. סודארסקי. טעכנישער רעדאקטאָר — ב. לײבקינ. קאָרעקטאָר — אי. שטולמאנ.
פאפיר 110×72—1/32—50 קג. 1 דרוק־בויגנ. אינ 1 פאפיר־בויגנ 70 000 צײכנס.
פארלאג № 243־E. טיראזש 2550 עקז.
2־טע אינטערנאציאָנאלע דרוקערײ אופ״ט. קיעװ, רויטער פלאצ 2а. באשט. 1345.
הױפּטליט (1312) 6591. אָפגעגעבנ אינ זאצ 13/XII—1933; אונטערגעשריבנ צום דרוק — 10/II—1934.

קינדער, איכ וויל אײַכ דערציילנ וועגנ העלדנ —
פראָלעטאריער, וועלכע בויענ שטיל אונ באשיידנ
אונדזערע סאָציאליסטישע פאבריקנ אונ זאוואָדנ, וועל-
כע האלטנ טאָגטעגלעכ אָפּ ניצכוינעס אפנ סאָצי-
אליסטישנ ארבעט־פראָנט. אסאכ אזוינע העלדנ האָב
איכ געזענ אפּ איינער פונ די גרעסטע בויונגענ אינ
אונדזער פארבאנד, אפנ קוזנעצקבוי, אונ וועגנ איי-
נער אזא בריגאדע אונ איר וווּנדערלעכנ בריגאדיר-
בארישעוו וויל איכ אײַכ דאָ דערציילנ.

די געשיכטע פונ קוזנעצקבוי איז נישט פארפיק-
סירט. דערווײַל לעבט זי נאָר אינ זיקאָרנ פונ ארבע-
טער, וואָס געפינענ זיכ אפנ קוזנעצקבוי פונעמ ער-

שטנ טאָג אָנ, אינ זיקאָרנ פונ ענטוזיאסטנ, וואָס זײַ־נענ געקומענ אינ דעמ פארוואָרפענעמ קאנט אימ אופצולעבנ, אימ אָנצופילנ מיט באָלשעוויסטישנ אימ־פעט. דערוױַל זײַנענ פיצלעכ געשיכטע פונ קוזנעצק־בוי, פונ זײַנע העלדישע צוויי יאָרנ, ווי פערל צע־וואָרפנ איבער די זײַטלעכ פונ דער אָרטיקער צײַטונג „באָלשעוויק פונ קוזנעצקבוי“.

די פאראנטוואָרטלעכסטע אונ שווערסטע ארבעט איז דאָ אויסגעקומענ צו טונ דעמ ווינטער פונ 1930 — 1931 יאָר. עס זײַנענ געגאנגענ ערד־ארבעטנ, מ׳האָט געדארפט ארויסנעמענ פונ דער ערד צענדליקער טויזנטער קוב. מעטער ערד. עס זײַנענ געגאנגענ בעטאָנ־ארבעטנ. די ערד האָט זיכ געוויקלט אינ צי־כטיק ווײַסע לײַלעכער. טאָג בא טאָג איז געפאלנ ווײַסער שניי, צוגעדעקט די געבײַדעס, די אויסגעגראָ־בענע ריוונ, די מאטעריאלנ, די מאַשינעס. נאָכדעמ זײַנענ אונטערגעקומענ די סיבירער קעלטנ. אינ יאנ־ווּאר זײַנענ געשטאנענ 40־גראדיקע פרעסט. די ערד האָט זיכ געשפאלטנ. דעמ צווייטנ יאנוואר האָט מענ די בעטאָנ־ארבעטנ בא די קאָלאָנעס פונעמ מארטענ געפירט בא א פערציק־גראדיקנ פראָסט. די ערד איז געווענ פארפרוירנ אפ העכער 20 סאנטימעטער די טיפ. דער בעטאָנ איז פארפרוירנ געוואָרנ אינ דער לופט.

אָבער דערבײַ איז עס נישט געבליבן. דעם 10 יאנוואר זײַנען די פרעסט דערגאנגען ביז 50 גראד. דעם בעטאָן האָט מען אונטערגעוואָרעמט — נאָר אזוי האָט מען געקאָנט אין דידאָזיקע פרעסט בעטאָנירן. דאָס זײַנען געווען ארבעטן, וועלכע מע האָט ניט געקאָנט איבערלאָזן אף קיין איין מינוט. אַסאַך ברי־גאדעס האָבן נישט געוואָלט אײַנגיין אפן פאָרשלאָג פון דער אדמיניסטראציע ניט צו פארלאָזן די אר־בעט. עס איז נייטיק געווען גלײַך צו געפינען אן אויסוועג, קעדיי צו ראטעווען דעם בעטאָן.

אין דעמדאָזיקן אָוונט איז דער פּראָראַב קאָרסון ארומגעלאָפן איבער דעם בוי־פּלאַץ ווי א משוגענער. בלײַבט קיינער ניט בא דער ארבעט, גייט צו גרונט די גאנצע ארבעט פאר די לעצטע 10 טעג. ס'איז שוין געווען טונקל, ווען קאָרסון האָט זיך א מידער, א צערייצטער אומגעקערט צום קאָטלאָוואַן, וווּ עס זײַנען געגאנגען די בעטאָן־ארבעטן. ער האָט פאַ־מעלעך געשלעפּט די אָנגעדראָלענע פיס און נישט געוווּסט, וואָס פאר א ענטפער וועט ער ברענגען אין צעך. עס איז אונטערגעקומען די נאכט — א טונקע־לע, א פארביסענע. עס זײַנען אין אָט דער נאכט פאָרגעשטאַנען אומגעגלויבלעכע סיורפריזן: עס האָט געקאָנט אויסברעכן א בוראַן. עס האָט געקאָנט מיט שנײ פארטראָגן מענטשן, געבײַדעס. די אָנקומענ־

דיקע נאכט־טונקלקײַט האָט געשראָקנ, אונ וואָס נעענטער קאָרסונ איז געקומענ צום צעכ, אלצ אָפּ־הענטיקער איז ער באַ זיכ געוואָרנ.

אביסל שפּעטער האָט זיכ גענומענ רײַסנ א ווינט. ער איז געקומענ פונ דער זײַט, ווו עס ליגט איצט אונטער א פעסטנ אײַזיקנ צודעק די טאָמ. ער האָט מיט־געבראכט שיטערע שנייעלעכ מיט זיכ, מיטגעבראכט מיט זיכ א סמאליענדיקע קעלט, וואָס פארגייט אינ די שפּיצ פינגער, אזוי אז מע קענ מיט זײ נישט רירנ.

אײניקע בריגאדעס האָבנ זיכ אָנגעהויבנ גרייטנ גײנ אהײמ. ס׳איז נאָכ געווענ א האלבע שאָ צום הודאָק, אָבער מ׳האָט זיכ איצט באזונדערס שטארק געאײַלט, ווי מע זאָל זיכ געפינענ אפּ א פּלאצ, אונ־טער וועלכנ ס׳איז אונטערגעלייגט דינאמיט.

— דער פּראָראב קאָרכונ איז געשטאנענ פאר בודא־יעווס בריגאדע, וועלכע האָט איצט געלאָזט דעמ לעצטנ בעטאָנ פונ באראבאנ, אונ געטײַנעט:

— זיכ דערשראָקנ, שלאָגלער מײַנע, פאר א ווינ־טער־נאכט זיכ דערשראָקנ. אויב אזוי, האָט איר גע־מעגט אוועקגײנ נאָכ מיט א וואָכ צוריק.

— מיט א וואָכ צוריק זײַנענ אזוינע ביטערע קעלטנ נישט געווענ.

— זע, אָפּגעפרוירענע פינגער.

— אָפּגעפרוירנ די נאָז.



די ערשטע דאָמנע פונ קוזבאסער מעטאלורגישנ גיגאנט.

— מיט די פיס נישט צו רירן, און דו אגיטירסט.

— די גאנצע ארבעט אײַערע פאר א דעקאדע ארויסגעוואָרפן, יאטן. אז אָך און ווײ צו מײַן אגי־טאציע. אן אגיטאטער בין איך בא אײַך, צי וואָס? א פראָראב בין איך.

די טײַנעס האָבן ווייניק געהאָלפן. דער באראבאן האָט אויסגעשיט דעם לעצטן בעטאָן. ער האָט זיך אָפּ־געשטעלט, פארגליווערט געוואָרן. עס האָט זיך שווײַ־גנדיק געקליבן אוועקגיין די בריגאדע, וואָס ארבעט באַם אָגווארעמען דעם בעטאָן. דאָס האָט קאָרסונען נאָך מער דערשראָקן: גײט די בריגאדע אוועק, מוז מען אָפּשטעלן די גאנצע ארבעט, און דאָס, וואָס מ׳האָט געמאכט, וועט גיין לעיבעד.

אין פארצווייפלונג האָט זיך קאָרסון געוואָרפן צום נאָענט־ליגנדיקן פלאץ, ווו עס געפינט זיך דער פאָרמיר־גוס־צעך. עס האָט ערגעץ בא אים געטליעט א לעצטע האָפענונג. מע זאָל אים איצט פרעגן—וואָס און ווען, וואָלט ער נישט געווען בעקויעך צו דער־קלערן. ער האָט זיך דורכגעשלאָגן דורך ריוועס און בערגלעך, דורך באַנ־רעלסן און אָנגעוואלגערטע מא־טעריאלן. דער שנײַדנדיקער ווינט איז אלץ שאר־פער געוואָרן. ער האָט געשניטן מיט שפּיציקע נאָד־לען דאָס געזיכט, די נאָז, דעם שטערן, די ליפּן. עס האָט געגליווערט דאָס לײַב.

אין האלב־פינצטערניש האָבן געפינקלט עלעק־טרישע לעמפּלעך. זייער שײַן איז אין דער שניי־ווײַסקײַט געווען בלענדנדיק. ס׳איז שווער געווען צו קוקן. קאָרסונעז האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דער פּלאַץ איז דאָ אַ ליידיקער, אַז אויך דעם צעך האָבן מענטשן פאַרלאָזן און אַנטלאָפן צו זיך אַהיים, זיך אויסבאַהאַלטן פון דער ווילדער קעלט, פונעם בוראַן, וואָס ברענגט אום מענטשן. אַנטלאָפן און געלאָזן דעם האַלב־פאַרטיקן צעך אומקומען אונטערן 50־גראַדיקן פראָסט.

פונוויײַטן האָבן אַהער געבלישטשעט די 10 גרויסע מויערן, די הונדערטער באַראַקן, ווו עס וווינען די אַרבעטער: עס האָט פון דאָרטן געוווּנקען מיט וואַרעמער היים, אָנגעהייצטע צימערן, הייסער בעט. ווי אַ פעסטונג האָבן אָט די געבײַדעס איצט אויסגעזען אַפן ווײַסן אָפענעם פּלאַץ, וואָס איז אויסגעשטעלט אַפ פראָסט, אַפ בוראַן, אַפ קעלט און אַפ אומקום.

גאָר נאָענט פון זיך האָט קאָרסון פּלוצים דערזען מענטשן, וואָס פאָרען זיך אין אַ טיפן ריוו. גיך זײַנען צו אים דערגאַנגען מענטשלעכע קוילעס. דאָס איז געווען אַ בריגאַדע גראָבערס. ער האָט גיך דערהערט קלעפּ פון לאָמען, וואָס האַקן זיך אַרײַן אין דער פאַרפרוירענער ערד. אַפ אַ פערטל מעטער איז

די ערד געווען פארפרוירן, מ׳האָט זי געמוזט רײַסן מיט שפּיציקע אײַזערנע לאָמען.

— היי, ווער איז דאָרט? — האָט א טויבע שטים עפּרעגט פונעם ריוו.

— אַן אייגענער, — האָט קאָרסון געענטפערט. — וועמעס בריגאדע?

— באַרישעווס בריגאדע, — האָט עמעצער געענט־פערט.

— כעווורע, ווען ענדיקט איר? — האָט קאָרסון זיך איינגעשטעלט צו פרעגן.

— הא, קאָרסון, — האָט עמעצער אין דער טונקל־קייט דערקענט דעם פּראָראַב. דער מענטש איז גע־קראָכן פונעם טיפן ריוו ארויפצו.

קאָרסון האָט דערפילט א באַקאַנטע ווארעמע שטים. עס איז אויסגעקומען מאָדנע, וואָס אין אזא קעלט קאָן זיך ארויסרײַסן אַפ דער פרירנדיקער לופט אזא ווארעמע קאָל און נישט פארפרוירן ווערן. אינגיכן איז די פיגור געווען אויבן, לעם קאָר־סונען.

— וואָס דרייסטו זיך ארום, ווי א שאָטן, קאָרסון? זוכסט עמעצן?

קאָרסון האָט דערקענט דעם הויכן באַרישעוו. א קאָרעשאָק זײַנער, אמאָל אין איין בריגאדע געאַר־בעט, איינעם אפן בוי־פּלאַץ אָנגעקומען.

— באַרישעוו, — האָט קאָרסונ געזאָגט, — ס'א פּאַ־סקודסטוועס ס'קומט דאָ ארום־אונ־ארום פּאַר.

— צו פּאַסקודסטוועס זײַנען מיר געוווינט, — האָט באַרישעוו געענטפערט, ווי פאַרשטאַנענ דעם כאַ־וועיר זײַנעם. — מײַנע האַלטנ זיכ גוט, מע אַרבעט גלאַט, נישט געבוזעוועט.

— אונ בא אונדז צעגייענ זיי זיכ, זיכ דערשראָקנ פאַרנ ־אָסט. באַבעס צעקראָכענע, מ'לאָזט דעם בע־טאָנ פאַרגליווערנ.

— וואָס־זשע לויפסטו ארום?

— איכ לויפ ארומ, כ'ווייס אלייִנ נישט נאָכ וואָס. איכ טאָר ניט לאָזנ אָנ מענטשנ דעם פּלאַצ — עס וועט גייִנ פאַרלוירנ אַרבעט פאַר א גאַנצער דעקאַדע, מע מוז אָנ אופהער אונטערוואַרעמענ דעם בעטאָנ.

אפ דעם שיפּוע פונ דעם ריוו האָבנ זיכ באַוויזנ מענטשנ. די בריגאַדע האָט געענדיקט די אַרבעט, איז ארויסגעקראָכנ פונעם ריוו. אייניקע האָבנ זיכ שטאַרק געפּײַלט, געקלעטערט שנעל אונ זיכ צעהיצט. אויבנ האָבנ זיכ באַוויזנ מענטשנ, אײַנגעקוטעט אינ שמאַטעס, אָנגעטאָנ אינ בורקעס מיט פאַרפרוירענע וואָנסנ אונ בערד, מיט פאַרפרוירענע ברעמענ אונ וויִעס.

פונעם טופּענ, פונעם אונטערטאַנצנ מיט די פיס האָט געטרישטשעט דער פראָסט.

קאָרסונ איז געשטאנענ פארלוירנ. אפ־זײַנ פאָנעמ איז געלעגנ אָפהענטיקײַט אונ גלײַכגילט, ווי עס זאָל בא אימ נאָר־וואָס האָבנ געשטאָרבנ דער נאָענטסטער מענטש.

מע האָט קאָרסונענ ארומגערינגלט, זיכ אויסגע־פרעגט, וואָס ער טוט דאָ. מ'האָט אימ מיטגעפילט. אופריכטיק, צי ס'איז אזוי אָנגעשטאנענ — דאָס האָט קאָרסונ נישט קלאָר פארשטאנענ. א נידעריק פויערל מיט אנ אָפגעפרויר'ענער נאָז אונ פארגליווערטע ליפנ מיט פראָסט האָט א שטאָכ געטאָנ:

— ערשט אנומלטנ פרעמירט, דאכט זיכ, דײַנע, קאָרסונ.

— צו פאָר שטיוול יעדנ ארויסגעגעבנ.

— א גראמאָטע אונטערגעטראָגנ.

קאָרסונ איז געשטאנענ, ווי אפ פריסעק. ער האָט נישט געהאט וואָס צו ענטפערנ. ס'איז אלצ עמעס געווענ, אונ די שטעכווערטלעכ פונ באַרישעווס כעוו־רע זײַנענ געווענ גערעכטע.

באַרישעווס בריגאדע האָט זיכ אינ אזוינע פאלנ געהאלטנ אפ דער געהעריקער הייכ. זי האָט געקאָנט שטעמפלענ מיט פאראכטונג דעזערטירערײַ, זי האָט אפ דער פלאָטשטשאדקע געהאט א גוטנ שעמ, געגאנ־גענ באַרג־ארופ. אײַנגעגלייבט אינ באַרישעוונ, ווי אינ א ווונדערלעכנ קאָמאנדיר, האָט די בריגאדע

אין דאָמנע־צעך.

געזאמלט קויכעס צו געוועטן, צו זיג און צו רום. זי האָט געהאט א שארפ אויג, און קיין איין קליינײקײט, קיין איין דורכפאל און דערגרייכונג פון א גראָבער־בריגאדע איז זי נישט פארבײַגעגאנגען.

— וואָס־זשע טוט מען ? — האָט ער ווי צו זיך פארצווײפלט געזאָגט.

פלוצים האָט ער דערזען: באַרישעוו האָט מיט זײַן געוווינטער באוועגונג א וויש געטאָן א וואָנס און א צווייטן, ווי ער זאָל נאָרוואָס האָבן עפּעס אויסגעטרונקען.

ער האָט זיך ארופגעשטעלט אפ איינעם פון די פּולע בערגלעך אפן פלאץ, זיך אויסגעטאָפּטשעט א באַקוועם אָרט. דער שניי האָט אונטער זײַן פעסט טופּען הײזעריק געקרעכצט.

— כעוורע, — האָט ער פלוצים געזאָגט, — אָט וואָס, אונדזער בריגאדע קאָן נאָך נישט גיין אהיים.

— וואָס איז געשען ? — האָבן עטלעכע קולעס מיטאמאָל א רעד געטאָן.

אין דער צוגעפאלענער פינצטערניש צווישן שיטער־פינקלענדיקע לעמפּלעך האָט דאָס הײַפל מענטשן אויסגעזען, ווי אן אָטריאד זעלנער, וואָס איז איינזאַם פארבליבן ערגעץ אין א וויסטעניש. און באַרישעוו אפן בערגל, באַרישעוו מיט זײַן סטאטנער זעלנערישער פיגור האָט אויסגעזען ווי א קאָמאנדיר,

וואָס זוכט אײנײנעם מיט זײַן אָטריאַד אַן אײצע, ווי־זיך צו ראַטעווען פֿון אַ געפֿאַר.

— זעמליאַקעס, — האָט ער שטיל געזאָגט, — איז־אָט, מע דאַרף זיך אַ ביסל פֿאַרהאַלטן.

— וואָס פֿאַרהאַלטן, דער אָטעם ווערט פֿאַרהאַלטן.

— די אײוורים גליוערן, — האָט געטײַנעט דער פּוילישקער קאָזיאָל.

— אַז ס׳גליוערן די אײוורים, איז דאָ אַן אײצע, — האָט זיך אונטערגעכאַפּט דער געלער סטיאָפּע, וואָס איז געשטאַנען לעם באַרישעוון.

ער האָט אַ כיטרע שמײכל געגעבן, ווי אָט גײט ער אָפּטון אַ שפּיצל, וואָס אַלע וועלן אים דערפֿאַר ליבן. ער האָט זיך צוגערוקט גאָר נאָענט צום פּוילישקן קאָזיאָל און שטיל אַרײַנגערוקט די האַנט אין קאָזיאָלס ברײטער קעשעניע. ער האָט פֿון דאָרט אַרויס־געשלעפּט אַ היפּש פֿלעשל, עס אויפֿגעהויבן הויך.

— אַז ס׳גליוערן די אײוורים, איז דאָ אַן אײצע, — האָט ער איבערגעכאַזערט און אַלץ געהאַלטן דאָס פֿלעשל הויך.

— נאַ, טו אַ זשליאָקע — האָט ער אַ זופּ געטאָן און עס אונטערגעטראָגן קאָזיאָלן, וועלכער האָט זיך געקלאָגט, אַז די אײוורים גליוערן.

— נו, וואַרף נאָר אַוועק, — האָט באַרישעוו גע־העכערט דאָס קאָל. ער האָט פּלוצים גענומען צו

שטארק פינטלען מיט די אויגן — א סימען, אז קאס און בייזקייט זידן אין אים אוף. — אז מע גייט ווי א שלאָג־בריגאדע צו ליקווידירן א דורכרייס, זשליאָקעט מען ניט קיין בראָנפן. — ער האָט א ריס געטאָן דאָס פלעשל, וואָס איז צוגעזאָטן צום גראָבערס הייסע ליפן, זיך צעפּאָכעט און עס א שלײַדער געטאָן אין דער בלענדנדיקער שנייִקער ווײַט.

ווען באַרישעוו האָט איצט א וואָרף געטאָן דעם בליק איבער דעם קליינעם שעטעכ, אף וועלכן ס'איז געווען צעוואָרפן די בריגאדע, האָט ער פלוצים באַמערקט, ווי עמעצער האָט זיך אָפּגעזונדערט, ער רוקט זיך אָפּ. ער גייט אף צוריק. קוקן קוקט ער פאָרויס, און גייט אף צוריק. ער האָט זיך אײַנגעקוקט, דערקענט דורכן שפּיץ פון אופגעשטעלטן באַשליק קאָזיאָלן, דעם סלאַווגאָראָדער פּויער, וואָס איז מיט אסאך קאָלווירטלער יענע וואָך אָנגעקומען אף דער פּלאָשטשאַדקע.

— היי, דו, — האָט באַרישעוו א געשריי געטאָן, — קום נאָר אהער.

קאָזיאָל האָט זיך אָפּגעשטעלט. זיך נישט גערירט. אָנגעהויבן שטארק פינטלען מיט די אויגן.

— קום נאָר אהער, ברונעט, — האָט באַרישעוו ברייטלעך געווישט מיט דער האַנט פריִער דעם רעכטן וואָנס, און דערנאָך דעם לינקן.

קאַזיאַל האָט געמאַכט אַ פּאָר שריט צום בערגל אַף וועלכן באַרישעוו איז געשטאַנען.

— קום אַהער, לאָמיך דיך גוט אָנקוקן, — האָט באַרישעוו אים דורכגעשטאָכן מיט די אויגן, — אָט אַזוי, קום נאָך אַהער.

קאַזיאַל איז לאַנגזאַם צוגעגאַנגען, ער איז געשטאַנען אונטן, און באַרישעוו, וואָס איז געווען מיט אַ קאָפּ העכער פון אים, האָט אים גוט געקאָנט זען.

— נו, איצט קאָנסטו גיין, — האָט באַרישעוו געזאָגט, — דער וועג איז אָפן.

— און איך וועל טאַקע גיין, — האָט קאַזיאַל געהערט דאָס קול, — ווייסט מיך דאָ נישט האַלטן.

— רעד נאָך אַביסל, קאַזיאַל, מיר האָבן שוין לאַנג קיין קולאַצקע רעדעס נישט געהערט.

— אָפּגעאַרבעט אַ טאָג, געדלויבעט מיט די פינגער די פאַרפרוירענע ערד, — האָט קאַזיאַל געטשעפּעט, ווי אַ שטאַרק באַוואָלטער, — געשלעפּט זי מיט טאַטשקעס, די רוקנס ברעכן זיך איבער, — איז וווּהין וועלן מיר איצטער גיין? וועמעס אייסעק, אויב יענע פּויליאַקעס ווילן נישט אַרבעטן? מיר מוזן זיך זאָרגן פאַר דער גאַנצער וועלט?

— ווו האָסטו זיך אַזוי שיין אויסגעלערנט ריידן, קאַזיאַל? — האָט עמעצער פון דער בריגאַדע אַ פרעג געטאָן.

— אָט א טרעפּאק!
— כאַדאַטעַ, צי וואָס געווען?
— א פּאָשעט באַלעגופּל, מיסטאמ.

באַרישעוו האָט זיך אַרײַנגעמישט, איבערגעריסן די רעפּליקעס.

— פּונקט מיט צוועלף יאָר צוריק, — האָט ער רויִק דערציילט, בײַם דער אוילעם האָט אונטערגעטאַנצט מיט די פּיס טופּענדיק, — איך אַזאַ נאַכט האָב איך דאָס ערשטע מאָל געהאַט צו טון מיט אַזאַ וואָרעם. מיר האָבן מיט אונדזער אָטריאַד זיך דורכגעשלאָגן א וועג — אין טאָמסק זײַנען די ווײַסע, אין אָמסק די ווײַסע, וווּ אונדזערע זײַנען, ווייסן מיר אַפּילע נישט, און דורכשלאָגן מוז מען זיך. איז אַפּ לעבן און טויט — מער ווי די קעפּ אײַנצושטעלן איז נישט געווען וואָס. האָט זיך אויך אַזאַ וואָרעם אײַנגעשטעלט צו טײַנען אַזוי... קום נאָר אהער, כאַשעוועֵר הער, — האָט באַרי-שעוו געכויזעקט, — קום נאָר אהער. — און ווען קאָזיאָל איז אונטער זײַן שאַרפן בליק אונטערגעגאַנגען, האָט ער אים אָנגענומען פאַרן לאַץ פּונעם פּעלץ און אומ-דערוואַרטעט רויִק געזאָגט: „וואָן פּונדאַנען, דײַן דעכ זאָל דאָ מער נישט זײַן“!

קאָזיאָל האָט נאָך געוואָלט עפּעס זאָגן, אָבער ער האָט דערזען אָנגעשפּיצטע אויגן אַנקעגן זיך, ער האָט דערפּילט — נאָך א ווײַלע וועלן אַנשוויגן ווערן

מײַלער, און עס װעלן נעמען רײדן פֿאַרמוליעטע פּע־סטע פֿויסטן.

ער האָט זיך גענומען אָפּרוקן, געגאַנגען אָפּ צוריק, זיך אַלץ אַרומגעקוקט, צי גײט מען אים ניט נאָך, צי װיל זיך עמעצער אָפּ אים נישט פֿאַרמעסטן. דער אוילעם האָט געשװיגן, מער אָפּ אים קײן אַכט ניט גע־לײגט.

װען קאָזיאָל איז אָפּגעגאַנגען אַ פּאָר שריט, האָט באַרישעװ פֿון זײַן אָרט אָפּן בערגל װידעראַמאָל גע־זאָגט:

— װער נאָך װיל גײן — דער װעג איז אָפֿן.

מ׳האָט געשװיגן. מ׳האָט זיך ענגער אַרום אים אַרומגעשטעלט, װי בײס אַ געפֿאַר, מיט צוטרוי, װי צו אַ פֿירער.

דערנאָך איז שױן באַרישעװס רעדע, װאָס ער האָט געהאַלטן אין דער פֿינצטערער, שטאַרק פּראַקטיקער נאַכט פֿאַר דער בריגאַדע זײַנער, געגאַנגען װי אַ װאַסער.

— װער ס׳איז אַ בעטאָנשטשיק, און װער ס׳איז אַ פּאַלובשטשיק, און אַפֿילע אַ גראָבער, װאָס האָט אָפּ זײַן לעבן קײן בעטאָן ניט געשמעקט, װעט נישט לאָזן דעם בעטאָן פֿאַרגליװערט װערן.

מ׳איז איצט געגאַנגען שטײַף און אַנטשלאָסן. פֿון נאָענטן װײַט האָבן געבלישטשעט די פֿײַערן פֿון די

מויערן און באראקעס. ס׳האָט זיך אהער אין אָנגע־
שנייטן פראָסטיקן סטעפּ פארטראָגן די ווארעמקייט
פון די אָנגעהייצטע הייזער, פון די ווארעמע בעטן,
פון די ווייב־און־קינדערלעך, וואָס קוקן איצט ארויס
אף זיי.

מ׳איז געגאנגען שטייף און זיכער. באַרישעוו
האָט געפירט די בריגאדע, ווי א קאָמאנדיר, ווי מ׳זאָל
זיך דארפן די נאכט דורכשלאָגן דורך וויסטע וועגן
פון סאָנימס ארומרינגלונג.

קאָרסון איז איצט א מידער קוים נאָכגעגאנגען
נאָך דער בריגאדע. ער האָט אלע מאָל געמוזט און־
טערלויפן. ער איז פארשוויצט געוואָרן. ער האָט זיך
איינגאנצן פארלאָזט אף באַרישעוון, וועלכער האָט,
גלייך ווי ער זאָל פונדאנען נאָרוואָס האָבן אוועק־
געגאנגען, צעשטעלט די כעוורע בא דער ארבעט.
אין עטלעכע מינוט ארום האָט דער באראבאן זיך
אָנגעהויבן איבערוואַרפן. עס האָט אין אים געגומען
זשומען, די ארבעט באם בעטאָנירן איז אוועק ווי
פריער, ווי מיט א טאָג צוריק — סאַכאַקל איין האל־
בע שאָ איז דעם אוטשאסטעק אויסגעקומען שטיין
ליידיק.

קאָרסון האָט אוועקגעשפאנט איבערן טיפן קאָט־
לאָוואן, ווו באַרישעווס בריגאדע האָט געארבעט, אין
צווייטן אנקעגנדיקן עק. ער האָט איצט א באַרויק־

א שלאָגלער—בעטאָנשטשיק
אין קוזבאס.

טער געקאָנט גיין א קוק טונ צו די גראָבּ־ארבּעטנ, וואָס זײַנענ געגאנגענ דאָרט. עס איז געווענ גענוג ווײַט, אונ קאָרסונ האָט פונדאנענ ביט געזענ, וואָס עס טוט זיכ בּא די גראָבּערס. ווער ווייסט, צי זײַנענ זיי זיכ איצט אינ דער מוירעדיקער קעלט נישט צע־לאָפנ. אונ וואָס מאכט איצט דער עקסקאוואַטער? פונוויַטנס האָט ער אפילע דעמ עקסקאוואטער נישט געזענ.

ער האָט זיכ גײַענדיק שטארק אײַנגעקוקט אינ דעמ אָרט, ווו עס שטייט געווייגלעכ דער דעריק*).

*) עקסקאוואטער.

ער איז נישט געווען אפן אָרט. עפשער ווײַל ס׳איז געווען פינצטער, און די שײַן פון די עלעקטרע־לעמ־פלעך איז ביז גאָר א קארגע. ער האָט געשפאנט איבערן קאָטלאָוואן, איבער די בערג אָנגעשאָטענעם שניי, און ס׳האָט זיך אים אויסגעוויזן, אז ער גייט שוין אזוי זייער לאנג. די אייוורים האָבן גענומען שווער ווערן, ווי זיי וואָלטן שטארק געשוואָלן גע־ווען. עס האָט זיך איצט זײַן מידן מויעך אויסגע־דאכט, אז ער איז גאָרנישט דערזעלבער. נישט דער נידעריטשקער קאָרסון, וואָס איז געוויינלעך לײַכט, ווי א שנייעלע, און אדורכלויפן אמאָל צוואנציק איבערן טאָג די גאנצע פלאָשטשאדקע איז בא אים א שפּיל. איצט איז ער זיך אליין געווען גוואלדיק שווער, שווער געווען צו שלעפן די פיס, די הענט, שווער געווען דעם מינדסטן טראכט צו טון. אפילע אויסצושפּײַען איז איצט די ליפּן זײַנע נישט גרינג אָנגעקומען.

ער האָט די גראָבערס אפן פלאצ ניט געטראָפן: ארום־און־ארום באנאכטיק־ליידיק און פארלאָזט. קאָרסונען וואָלט איצט אפילע שווער געווען צו דער־קענען דאָס אָרט, ווו זיי ארבעטן. ער האָט געשפאנט ווײַטער, געהאָפט צו געפינען עמעצן באם דעריק. פלוצים א געשריי געטאָן: —היי, ווער איז דאָרט? דער געשריי איז ארויסגעקומען שוואך, ווי בא א

מענטשן, וואָס האָט אומגעריכט פאַר זיך אַליין פאַר־לוירן די שטים. אין דער אומגעגנט איז קיינער ניט געווען.

ערגעץ ווײַטלעך, ווײַזט אויס, בײַ דער עלעקטראָ־צענטראַל, האָט עמעצער געאַרבעט. עס איז פון דאָרט געגאַנגען אַ דומפּ קלאַפּן, מ׳האָט, ווײַזט אויס, גע־ביטעוועט, צי אַן אַנדער הילכיקע אַרבעט געטאָן. צו קאָרסונען איז אַלץ דערגאַנגען ווי פון אַ פרעמדער וועלט. ער האָט זיך אַזוי אין דער נאַכט־טונקלקייט אַנגעשטויסן פּלוצים אָן עפּעס קאַלטס און האַרטס. ער האָט זיך גענומען אײַנקוקן און אָנטאַפּן — און האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז דער דעריק. ער איז געשטאַנען אַ קאַלטער, אַ פאַרגליווערטער, אַ שטו־מער. דער גרייפער*) איז געווען אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד — ער האָט געהאַט געעפנט דעם ברייטן שלונג, צוגעפאַלן מיט די נעגל צו דער פאַרפרוירע־נער ערד, זיך אָבער צוליב עפּעס נישט געקאָנט אײַנבײַסן אין באָדן.

— פאַרפרוירן געוואָרן, — איז קאָרסונען דורך אַ געדאַנק וועגן דעריק, און עס האָט אים אַ קלעם גע־טאָן בײַם האַרצן.

ער האָט זיך אַ פּאָר מאָל אַרומגעדרייט אַרום

*) דער טייל עקסקאַוואַטער, וואָס גראָבט די ערד.

דעם עקסקאוואטער, באקוקט דאָס ריזיקע באַשעפע־ניש, און א געפיל איז בא אים געווען, ווי בײַס ער שטײט פאר א טויטן. ס׳איז אים שטארק א שאָד גע־ווען. ער וואָלט איצט געקאָנט ארבעטן, דער דעריק. ער איז דאָך אפּן פלאץ דער אײנציקער עפשער, וואָס האָט ניט מוירע פאר קעלט. מ׳דארף אים נאָר אפּ קײן מינוט ניט לאָזן שטײן לײדיק. האָט מען אים יאָ געלאָזט לײדיק, אים פארלאָזט. קאָרסון האָט זיך פלוצים א ריס געטאָן פון אָרט. ער האָט געוואָלט ערגעץ וווהין לויפן נאָך מענטשן. אין דער נאָענט האָט די אײנציקע איצטער געלעבט די עלעקטראָ־צענטראל. פון דאָרטן איז נאָך אלץ געגאנגען דער הילך פון ניטעווען צי פון אן אנדער ארבעט. ער וועט אהין צולויפן און אהער שלעפן א בריגאדע. מ׳דארף אופלעבן דעם פארפרוירענעם דעריק, אניט וועט ער פארפרוירן ווערן—ס׳וועט נישט אזוי גרינג אָנקומען אים צו דערווארעמען, אים לאָזן אין גאנג.

ער האָט גענומען ארויסקלעטערן פונעם קאָטלאָ־וואן, אָבער דער בארג־שיפּוע איז געווען שרעקלעך גליטשיק, מאמעש ווי גלאָז. האָט זיך קאָרסון אראָפּ־געקײַקלט, א מידער זיך אופגעהויבן און געטראכט, וואָס טוט מען ווײַטער. ער האָט ווײַטער נישט גע־האַט נאָך וואָס צו גײן, האָט ער זיך, אײדער ער וועט

קאָקס־אויוונ.

זיכ אומקערנ צו די בעטאָנ־ארבעטנ, אביסל צוגע־
זעצט אפנ גרייפּער פינעמ דעריק אָפּרוענ.

אָבער דאָס קאלטע איַזנ האָט געבריט, געשטאָכנ
ווי מיט נאָדלענ... ס׳איז אומעגלעכ געווענ צו זיצנ.
האָט זיכ קאָרסונ ארופגעכאפּט אפ דער בודקע פונעמ
דעריק, וווּ עס שטייט געווייגלעכ דער מעכאניק. אינ
בודקע איז ניט געווענ אזוי קאלט. אהינ האָט דער

ווינט ניט אזוי שנײַדנדיק געבלאָזן. קאָרכונג האָט זיך צוגעזעצט אפּ א קלעצל, זיך אײַנגעגנורעט אין בורקע, גלײַך צוגעמאכט די אויגן. די ברעמען האָבן זיך, ווי שווערע שטאָרן, אראָפּגעלאָזט אפּ זײַנע שווארצאפּלען.

שפּעט אין דער נאכט האָט זיך דער בוראַן פאַר־שטאַרקט. ער איז געקומען פון דער צווייטער זײַט טײַך, פון ווײַטע אומענדלעכע סטעפּעס. ס׳האָט פאַר־שלאָגן דעם אָטעם, און באַרישעווס בריגאַדע האָט זיך געשלאָגן מיט די לעצטע קויכעס באַם אונטערווארע־מען דעם בעטאָן, באַם דערלאַנגען דעם גראַווי, באַם גיסן די וואסער, וואָס האָט אין דער לופט געפרוירן.

באַרישעוו האָט איצט שאַרף געקוקט נאָך דער ארבעט, געהאט אפּן אויג יעדערנס ארבעט, און נאָר איין מאָל פאַר דער צײַט, ווען מ׳האָט שוין געהאלטן באַם 50־טן צדנויפמיש פון די 65, וואָס ס׳איז נייטיק געווען צו מאכן, האָט ער געזאָגט: „עס קומט אויס, אז אונדזער בריגאַדע זאָל איבער א נאכט ווערן די ערשטע אפּ דער פּלאָשטשאַדקע“.

פונוויַטנס האָבן זיך פּלוצים אהער דערטראָגן עטלעכע מענטשלעכע שטימען. ס׳איז אויסגעקומען אזוי מאָדנע אומדערוואַרטעט. דורך די זײַלן שניי, דורכן ווייענדיקן ווינט האָבן זיי זיך אהער דער־טראָגן, און ס׳האָט געשײַנט—זיי ווערן אלץ נעענטער.

— קאָרסונ שלעפּט שוינ אהער עמעצנ, — האָט באַרישעוו א טראַכט געטאָנ.

אינגיכנ האָבנ זיך באַוויזנ עטלעכע פיגורנ. עס זײַנענ געווענ יונגע יאַטנ. אײַנגעקוטעטע זײַנענ זײ אויסגעקומענ פולער, סטאַטעטשנער. עס איז געווענ א פאָסטנ לײַכטע קאַוואַלעריע, װעלכע מאַכט א רייד איבערנ בוי־פּלאַצ א קוק צו טונ, וואָס הערט זיך אינ די צעכנ אינ אזא נאַכט, צי וואַכט עמעצער דאָ, צי האָט אלעמענ צעטריבנ דער בוראַנ.

איינער פונ די יאַטנ איז צו צו באַרישעוונ אונ האָט געפרעגט:

— איר זײַנט עס דער פּראָראַב?

— ניינ, דער פּראָראַב איז אוועק אפ אנ אנדער אוטשאַסטעק, — האָט באַרישעוו געענטפערט.

די לײַכטע קאַוואַלעריע האָט זיך נאָכגעפרעגט, ווי־אזוי עס גייט די אַרבעט, פאַרשריבנ אלצ, וואָס זי האָט געזענ.

באַרישעווס רוזקײַט האָט גערייצט, ס'האָט זיך געוואָלט מיט דעמ מענטשנ בעענטער א רעד צו טונ, פונוואַנענ קומט אינ אזא נאַכט אזא אומדער־מידלעכע קראַפט צו אַרבעט. באַרישעוו האָט צוליב עפּעס אליינ געפונענ פאַר נייטיק צו זאָגנ: „אונ־דזער בריגאַדע איז א יונגע — א געוויינלעכע, אזוי צו זאָגנ, זי שלאָגט זיך ערשט דורכ א וועג. אינ א שטי־

נעם פרימאָרגנ קענ זי פאַרנעמענ דעמ ערשטנ פּלאַצ
אפ דער פּלאַשטשאַדקע".

די געקומענע האָבנ העפּלעכ געשוויגנ.

— אונ אכוצ דעמ,—האָט באַרישעוו זיכ פאַריכט,— שטייענ סײַ די גראָב־אַרבעטנ, סײַ די בעטאָנ־אַרבעטנ פאַסקודנע אָפּ, ס׳א בושע דאָס פּאָנעמ צו ווײַזנ פאַר דער וועלט.

עס האָט אָנ אופהער איבײנעמ מיטנ בוראַנ געזשומעט די בעטאָניערקע, אלע מאָל אויסגעשיט פונ איר בויכ בעטאָנ. די אַרבעטער האָבנ די צוגעקומענע כעוורע ווי ניט באַמערקט. אינ א מינוט פופצנ אַרומ האָט זיכ די לײַכטע קאַוואַלעריע דערקליבנ צום אײַנגעדרימלטנ דעריק. ער איז געשטאַנענ אינגאַנצנ א ווײַסער, א צוגעדעקטער מיט א דיקנ שיכט שניי. עמעצער האָט אימ באַשײַנט מיט אנ עלעקטריש קעשענע־לעמפּל. עס האָט זיכ א וואָרפ געטאָנ אינ די אויגנ א טונקעלער שאָטנ. מ׳איז צוגעגאַנגענ נעענטער. א מענטש איז געזעסנ אפ א קלאָצ, טיפ אײַנגעגנורעט אינ א בורקע. מ׳האָט קוימ אַרויסגעזעענ דאָס שטאַרק בלייכ געוואָרענע געזיכט. עס האָט געהאַט אפּ זיכ א שטיל מילד שמייכעלע. אזוי געזעגנט מענ זיכ מיט דער וועלט, מיט אייגענע נאָענטע מענטשנ.

— פאַרפרוירנ געוואָרנ,—האָט עמעצער שטיל, ווי איבער א טויטנ, געזאָגט.

א שאבעסניק אין קוזבאס.

— באשערט אומצוקומען אפן דעריק.
— גיט אים נאָר א טאָרקע!
— דאכט זיך, ארום מויל א פארע.

עמעצער פון די יאטן האָט אים א טאָרקע געטאָן אין פלייצע. קאָרסונס קערפער האָט זיך ווי א ריר געטאָן, און צוריק געבליבן אפן אָרט פארשטארט. דער יאט האָט זיך נישט געפוילט, אים מיטביידע הענט אָנגענומען בא די אקסלען און גענומען טרייסלען. אין קאָרסונס שטארק מידן פארנעפלטן מויעך האָט אָנגעהויבן צעגיין די מידקייט. עס האָט זיך ברעק־לעכווייז אָנגעהויבן אומצוקערן צו אים דער באוווסט־זיין. ער האָט א שטארק מידער געעפנט די אויגן און אין דער פינצטער קיינעם ניט געזען.

מ׳האָט אים ארומגעלויכטן מיטן עלעקטרע־לעמ־פעלע אין פאָנעם און דערזען: פאמעלעך צעעפענען זיך די שמאָלע שפעלטעלעך, און די אויגן איז שווער צו קוקן אין דער בלענדנדיקער שיין פונעם עלעק־טרישן לעמפעלע. זיי ראנגלען זיך מיט דער פלוצים־דיקער שיין. זיי זיינען נאָך נישט־זעעוודיק און פאר־שטייען נישט, וואָס ארום טוט זיך.

— כעוורע, ער איז פּאָשעט אנשלאָפן געוואָרן.
— אָט אזוי אָרגאניזירט ער די ארבעט.
— אנשלאָפן געוואָרן דער דעריק, אנשלאָפן גע־וואָרן דער פּראָראב — אָט אזוי טאקע פארשרייב.

קאָרסונ האָט אָנגעהויבנ פארשטײנ. ער האָט איצט געזוכט ווערטער צו דערקלערנ דער לײַכטער קאוואַ־לעריע, אינ וואָס עס גײט. אָבער נישט געפונענ קײנ מעגלעכקײַטנ צו רײדנ: דער צונג איז שווערער געוואָרנ פונ זײַנ גאנצנ גופ. גיכער איז ער שוינ איצט בעקויעכ זיכ אופהײבנ אונ גײנ צו דער ארבעט, ווי דעמ צונג פונעמ אָרט רירנ אונ עפּעס רײדנ. האָט ער זײ גאָרנישט געזאָגט, נישט דערקלערט. ער האָט איצט געוווּכט: צוואנציק מינוט גײנ פונדאנענ אר־בעט בארישעווס בריגאדע. זי גיט איצט די לעצטע צונויפמישנ, זי שטרענגט איצט אָנ די לעצטע קויכעס בײַצוקומענ דעמ בוראנ. אונ ער איז אנשלאָפנ געוואָרנ. נישט אויסגעהאלטנ. אָנגעהויבנ גוט, אונ באָכדעמ נישט געסטײַעט.

— קײנ קויעכ נישט געסטײַעט, — האָט ער זיכ געפּרוווט טרײסטנ, — שוינ נישט די יאָרנ.

— קײנ מויעכ נישט געסטײַעט, — האָט ער זיכ אלײנ געענטפערט. — פונ שטענדיק אָנ בא מיר א קלײנ מוי־עכל. — אונ מיט די ווערטער פונעמ סעקרעטאר פונ קָעמערל, וואָס איז הײַנט בא אימ אינ צעכ געוועננ, פאר־ענדיקט: — אונ קײנ באָלשעוויסטישע אײַנגעשפארט־קײַט.

אזוי האָבנ אינ נעפּל געוואכט קאָרסונס געדאנקענ צווישנ דרימל אונ שטארקנ, עסנדיקנ פארדראָס אונ

כאראַטע אפ דעם געשעענעם. ער האָט געדרימלט און ווידער געוואכט, און ס'איז אים אליין שווער געווען צו אונטערשיידן, צי איז עס א כאָלעם, צי וואָר.

ווען ער איז ארויס פון בודקע, האָט שוין געגומען טאָגן. דער בוראַן האָט זיך איינגעלייגט. מ'האָט שוין געקאָנט אונטערשיידן דעם וווּנדערלעך ברייטן הימל, ווו עס האָבן איצט שארף און ציכטיק געפינקלט אָן א שיר שטערן. פון די מיריאדן שטערן איז גע־פלאָסן א שטרענגע קאלטקייט אפ דער ערד. קאָר־סונען האָט אביסל געפראָסטלט דאָס לייב. ער האָט זיך געצורעט אין דער בודקע און געשפאנט איבער דעם אומענדלעכן קאַטלאָוואַן אָן א צוועק.

פלוצים האָט ער אין דער אוועקגייענדיקער נאכט־טונקלקייט דערזען א גרופע מענטשן: דאָס האָט באָרישעווס בריגאדע פארענדיקט די ארבעט. זי איז שוין געשטאנען פונויבן, זיך געגרייט אוועקגיין אהיים. פונוויַיטנס האָבן געווונקען די נאָך ניט אויס־געלאָשענע לעמפעלעך פון די אַנצאָליקע פארשנייטע באראקן, פון די מויערן, ווו עס וווינען די ארבעטער. באָרישעוו איז געגאנגען פאָרויס, ער האָט זיך אויסגע־טיילט צווישן דעם אנדערהאלבן צענדליק גראָבערס, וואָס זייַנען אין בוראַן־נאכט געוואָרן בעטאָנירער: ער האָט שטאָלץ געפירט זייַן וווּנדערלעכע בריגאדע. ס'האָט קיינער נישט געפעלט, אלע ביז אייגעם צוריק־

געפירט פונעם שלאכט־פעלד, ער האָט צו קיינעם פונ זיי איצט קיינ טײַנעס ניט געהאט. ער האָט צו אָפט איצט געווישט די וואָנסנ—א סימענ, אז ער האָט גע־טראכט פונ עפּעס זייער וויכטיקס. דער הארטער פראָסט האָט געטרישטשעט אונטער זייערע פיס, אונ ארומ זייערע מײַלער האָט זיכ געוויכערט ווארעמער דאמפּ, א פארפרוירענער זיכ געזעצט אפ זייערע בערד, וואָנסנ אונ ברעמענ.

קאָרסונ איז געשטאנענ פונוויַטנס אונ האָט גע־זענ, ווי זיי פארקערעווענ פונעם בוי־פּלאצ אינ דעמ טייל שטאָט, ווו עס געפינענ זיכ די באראקנ. אימ האָט זיכ געדאכט—פונ זייערע מײַלער. באזוימטע מיט פראַסטיקע געמעלנ, האָט זיכ א ריס געטאָנ א מעכטיקע ליד, א סיבירישע ארטעל־ליד, וואָס האָט א הילכ געטאָנ איבער דער גאנצער פּלאָשטשאדקע, ווי א הור־דאָק צו ארבעט. אָבער ער האָט מער ווי דאָס טרישטשענ פונ זייערע הארטע שפּאנ נישט געהערט. גיכ איז אויכ דאָס טרישטשענ אנשווייגנ געוואָרנ. קאָרסונ איז געשטאנענ, זיי נאָכגעקוקט אונ איצט נישט גע־ווּסט, וווהינ זיכ אהינטונ.

פונ דער נאכט אָנ הייבט זיכ אָנ די רומפּולע גע־שיכטע פונעם בריגאדיר באַרישעוו אונ פונ זײַנ ברי־גאדע. איצט קלינגט מיט איר די גאנצע פּלאָשטשאד־קע. איר נאָמענ האָט שוינ געפונענ אנ אָרט אפ די

זײַטלעך פֿון „פּראַוודאַ״ און „איזוועסטיִאַ״. אָפּ צענ־דליקער אַרבעטער־פֿאַרזאַמלונגען ווערט די בריגאַדע אַרויסגעשטעלט, ווי אַ מוסטער, און בײַ מיר איז באַ־וווסטזײַן איז דער נאָמען פֿונעם באָלשעוויק באַרי־שעוו און זײַן וווּנדערלעכער בריגאַדע אויסגעפּלאַ־סטערט מיט זוניקע אויסיעס. שווער איז מיר זי צו פֿאַרגעסן ביז איצט—אַ גאַנצן כוידעש נאָכדעם, ווי כ׳האָב זיך מיט באַרישעוון און זײַן בריגאַדע דאָס לעצטע מאָל געטראָפֿן.